גליון יז
פרשת תצוה-זכור תשפ"ג

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה-מועדים

פורים - פרזים און מוקפין

### • די קשר פון די פרזים און די מוקפים

פון אויבן אויף קוקט אויס כאילו פרזים און מוקפים זענען צוויי עקסטערע זאכן, אבער באמת האט יעדע שטארקע לאנד געהאטביידע, מען האט געהאט א 'מוקף חומה', און ארום דעם זענען געווען צושפרייט די 'פרזים', די אפענע שטעט. ביידע צוזאמען האבן פארמירט א לאנד, דער 'מוקף חומה' איז געווען דער עיקר פונעם לאנד, די הויפט שטאט, און די 'פרזים' ארום זענען געווען ווי טפלים.

די עיקר באניץ פון א מוקף חומה, איז געווען די שטארקייט אנטקעגען דעם שונא, אז אויב האט א צווייטע מדינה געוואלט קומען איין-נעמען די לאנד, האט ער געמוזט איין-נעמען די מוקף דוקא, ווייל ווילאנג ער האט נאר איינגענומען די שוואכערע חלקים פון לאנד, די פרזים, איז דאס גארנישט ווערט געווען, דאס האט נישט געהייסן איינגענומען. אזוי ווי מ'זעהט ביי 'ירושלים' וואס איז געווען די הויפט שטאט פון יהודה, דער מוקף חומה, און ביי די מלחמות אין תנ"ך איז די גאנצע עסק געווען נאר ארום 'ירושלים', לדוגמא ביי נבוכדנצר, וואס נאר מיטן איין-נעמען ירושלים, האט ער איינגענומען ארץ ישראל, אויך ביי סנחריב איז די גאנצע נס געווען ארום ירושלים.

א שטאט וואס איז 'מוקף חומה' געט זיין חלק פארן לאנד, ער געט שטארקייט, מעכטיגקייט, און נאך, אויך די פרזים געבן זייערע חלקים, זיי געבן די באדערפענישן ווי מים ומזון, ווי די לשון הגמרא (מגילה ד) 'מפני שמספקין מים ומזון לאחיהם שבכרכים', די פרזים און די דערפער ארום, זיי פלעגן מספיק זיין 'מים ומזון' פאר די מוקפין, פאר די כרכים. די וואסער די תבואה, און אזוי ווייטער אלע בדערפענישן, אלעס איז געקומען פון די שטעט און דערפער ארום די שטאט, פון דארטן האט מען געברענגט עסן פאר די גאנצע שטאט.

די שטאט וואס איז געווען מוקף חומה, פלעגט אפט זיין אויף א בארג, כדי צו זיין גוט באשיצט פונעם שונא, און דערפאר פלעגט די וואסער קומען מער פון ארום, פון די פרזים און כפרים ארום די שטאט, וואס זיי זענען געווען מער אין די טאלען און די נחלים מיט מער וואסער. און דאס זעט מען אין חז"ל אז 'מספקים מים ומזון לאחיהם שבכרכים', זיי האבן געברענגט פאר זיי נישט נאר עסן פון די פעלדער, נאר אויך וואסער צו טרינקען.

**די 'מוקפין' דארפן אנקומען צו די 'פרזים', פאר זייערע צרכים פון 'מים ומזון', און די 'פרזים' דארפן אנקומען צו די 'מוקפין' צו באשיצען אויף די גאנצע ארום ארום. וואס דאס מיינט און אנדערע ווערטער אז די עניים דארפן אנקומען צו די עשירים, און די עשירים דארפן אנקומען צו די עניים, די בעלי בתים דארפן אנקומען צו יושבי אהל, און די יושבי אהל דארפן אנקומען צו די בעלי בתים**

די סדר פלעגט זיין, אז ביי די טויער פון שטאט, און פארנט פונעם 'שער', פלעגט זיין א ריזיגע גאס, א 'סרטיא ופלטיא', א מארק פלאץ, און פון אלע שטעטלעך און דערפלעך ארום די מוקף, פלעגט מען ברענגען צום מארק פלאץ פארנט פונעם שער, און דארטן האט מען פארקויפט אלצדינג פאר די מענטשן פון שטאט.

מ'זעט און גמרא און ראשונים (קדושין מט, כתובות קי) אז די מוקפין און די פרזים, האט זיך יעדער זיין מעלה און זיין חסרון, די 'מוקפין'ס חסרון איז אז די לעבן איז דארט מער טייט, מער טרעפיק, אויך די יקרות איז פיל מער (דעמענט), ווי די לשון חז"ל 'ישיבת כרכים קשה', און מאידך די פרזים'ס חסרון, איז אז זיי האבן נישט די 'זריזות' און לעבעדיגקייט, ווי די מענשטן פון שטאט האבן (עי' רש"י שם, שיטה לא נודע למי, רמב"ם אישות פי"ג).

סך הכל וואס אונז נעם מיר ארויס, אז די מוקפין און די פרזים גייען צוזאמען, זיי זענען ווי צוויי חלקים פונעם לאנד, וואס יעדער שטעלט צו זיין זאך, און צוזאמען זענען זיי ווי איין 'הורמוניא' צו ברענגען די הצלחה פארן לאנד.

### • די שטעט וואס זענען 'סמוך ונראה' צום כרך

יעצט לאמיר קומען צו הלכות מגילה, די גמרא זאגט אז 'כרך וכל הסמוך לו וכל הנראה עמו נידון ככרך', די שטעטלעך וואס זענען נאנט צום גרויסן שטאט, די פרזים וואס זענען נאנט צו די מוקפין, באקומען א הלכה ווי די מוקפין. (ס'איז א שטיקל סוגיא אין סימן תרפ"ח וואס איז דאס 'סמוך', און וואס איז דאס 'נראה', אויך ווערט געברענגט אין שער הציון דארט, אז די שטעטלך וואס באצאלן טעקס אינאיינעם מיט די גרויסע שטאט, ווערן ווי איינס מיט זיי. אויך שטייט אין די פוסקים, אז אלעס וואס איז אין די עירוב פונעם שטאט, איז אלץ א חלק פונעם שטאט).

איז אינטערעסאנט אז די 'פרזים' ווערן בטל צום 'כרך', אלע פרזים וואס זענען 'סמוך ונראה' צום כרך, ווערן בטל צו אים, פארוואס זאל נישט זיין אז די כרך זאל בטל ווערן צו די פרזים, דאס הייסט, אז די חלקים פונעם כרך וואס זענען 'סמוך ונראה' צו די פרזים, זיי זאלן בטל ווערן אהין און באקומען די דין פון די פרזים, פארוואס זאג איך נאר, אז די פרזים ווערן בטל צו מוקפין.

די תירוץ איז פשוט, אז די 'כרך', די מוקף חומה, ער איז אלעמאל די עיקר, און די ארימיגע זענען ווי א טפל צו אים, ממילא ווערן די ארומיגע בטל צו אים. און בפרט ווי מ'האט פריער געשמועסט, אז ס'איז אויסגעשטעלט אויף אזא וועג, אז די כרך ער איז די עיקר פון די אלע שטעט ארום ארום.

און די תורה הקדושה ווערן די מוקפים און פרזים אנגעריפן, 'בחצריהם ובטירותם', דער פרוז איז ווי א 'חצר' פארן מוקף, אזוי ווי א 'חצר' און פארנט פון א הויז וואס באדינט די תשמישין פונעם הויז, אזוי אויך די 'פרזים' און פארנט פונעם 'מוקף', באדינען דעם מוקף.

די ווארט 'פרוז' איז אזוי ווי 'פזור', צושפרייט, די מוקף איז די צוזאמגענומענע

המשך בעמ' ד

## פנים חדשות באו לכאן

צו קענען מאכן שבע ברכות זיבן טעג דארף מען האבן יעדען טאג א 'פנים חדשות'. די פשוטע טייטש פון 'פנים חדשות' מיינט פרישע מענטשן, פרישע פנים'ער, אבער אויך ליגט אין דעם א טיפערע נקודה, פנים חדשות איז ענדליך צו די ענין פון 'פנים חדשות באו לכאן', וואס באדייט א פרישע התחדשות, א פרישע אויסקוק אויפן די שמחת השבע ברכות, א שינוי צורה. און אויך די דאזיגע דין איז מען דארף האבן א נייע מענטש, א נייע פנים, דאס איז אויך בעומק ווייל דורעך די נייע מענטשליכע פנים, קומט אהן א נייע צורה צו די שמחה, דורעך דעם ווערט א התחדשות, א 'פנים חדשות באו לכאן' אין די גאנצע שמחה.

ס'איז באקאנט די קולא פון די פוסקים, אז די 'שבת'דיגע' טאג אליינס איז גוט פאר 'פנים חדשות', אויך זאגען געוויסע פוסקים אז 'דברי תורה' קען ווערן פארעכנט ווי א 'פנים חדשות', אזוי ווי ס'שטייט אין רמ"א ביי שלש סעודות. יעצט, אויב 'פנים חדשות' מיינט אויך דעם ענין פון 'פנים חדשות באו לכאן', די פרישקייט און התחדשות, פארשטייט מען זייער גוט די קולא פון שבת, ווייל 'שבת קודש' איז דא א ספעציעלע פרישקייט און התחדשות, א פרישע 'כבוד ועונג', א זאך וואס איז א גאנצע וואך נישט געווען, די שבת'דיגע שבע ברכות איז נישט סתם א שבע ברכות, ס'איז א 'שבת שבע ברכות', ס'איז 'פנים חדשות באו לכאן', א פרישע צורה און התחדשות. און ווי מ'זעט אויך במציאות, א נייע התחדשות אויף די פנים'ער ביים 'שבת שבע ברכות', וואס דאס קומט פון די שינוי און התחדשות וואס שבת ברענגט.

## קבוע במקומם

די סדר פון א חתן איז צובלייבן אינדערהיים פאר זיבען טעג, ווי ס'שטייט אין די פוסקים אז זיי זאלען נישט ארויסגיין זיך דרייען צווישען מענטשן נאר זיך פרייען צוזאמען אינדערהיים. און ס'קומט אויס אביסל אינטערסאנט, אז פון איין זייט זענען די חתן און כלה 'קבוע' און פארמאכט אין זייער פלאץ, זיי גייען נישט ארויס צו טרעפן מענטשן, אבער פון די אנדערע זייט, קומען מענטשן אריין צו זיי, זיך מיט פרייען מיט זיי. ווייל ארויסגיין אינדרויסען זיך טרעפן מיט מענטשן, מיינט אוועקגיין פון די שמחה, וואס דאס טאר נישט זיין, זיי דארפן זיין קבוע אין זייער פלאץ, אין זייער שמחה, נאר ס'קענען קומען מענטשן צו זיי, זיך מיט פרייען מיט זיי אין זייער פלאץ.

די הלכה איז אז 'שבע ברכות' קען מען נאר מאכן אין א 'מקום קבוע' פאר די חתן און כלה, און אמאליגע צייטן פלעגט זיין ממש אזוי, אז די חתן און כלה האבן געהאט א 'מקום קבוע' א גאנצע צייט, וואס דארטן זענען מענטשן אריינגעקומען צו זיי, זיך מיט צופרייען מיט זיי, און נאר דארטן אין די מקום קבוע האט מען געקענט זאגען 'שבע ברכות'. היינט זאגען די פוסקים געוויסע קולות אין דעם, אז ס'איז גענוג אז די פלאץ פון די 'שבע ברכות' זאל זיין צוגעגרייט און אוועקגעשטעלט לכבוד די חתן און כלה, ס'זאל זיין אין א 'זאל' וכדומה, לאפוקי ווען די חתן און כלה גייען צו איינעם באופן עראי, וואס דאן קען מען נישט זאגען דארטן קיין 'שבע ברכות'.

קומט אויס אויף צו קענען מאכן 'שבע ברכות' דארף מען צוויי פארקערטע זאכן, פון איין זייט אביסל קבוע און פארמאכט פון מענטשן, און פון די אנדערע זייט זאלן מענטשן אריין קומען צו זיי, זיך מיט צו פרייען מיט זיי, יעדן טאג כאטשיג עפעס א פרישע פנים, א פרישע פנים חדשות, און מיט די ביידע זאכן צוזאמען קען מען מאכן 'שבע ברכות'.

מען וועט עס בעסער פארשטיין דעם ענין ביי א אבל, ביי א אבל טרעפט מען אויך די הלכה פון 'פנים חדשות', אז ס'קומען אריין פרישע פנים'ער מנחם זיין ווי ס'איז מבואר אין גמרא (מועד קטן לענין תפילין לאבל). איז דארטן אויך זייער אינטערסאנט, אז פון איין זייט איז דער דין אז דער 'אבל' טאר נישט ארויסגיין פון הויז, ער טאר נישט ארויסגיין זיך טרעפן מיט יעדען איינעם, ער דארף זיין קבוע במקומו ביי די מקום האבלים, אבער פון דער אנדערע זייט, קומען די מענטשן אריין צו אים, אים אויפצופרישען מיט א פנים חדשות. און די ביאור איז ווי ביי חתן וכלה, אויב זיי גייען ארויס מיינט דאס מיט אנדערע ווערטער.

## פנים חדשות און התחדשות

די ר"ן זאגט אין כתובות אז 'פנים חדשות' מאכט, אז ס'זאל ווערן כאילו תחילת הנשואין, תחילת הנשואין איז א מורא'דיגע התחדשות אין די שמחה, ס'גייט אריבער א טאג, און די שמחה ווערט נתיישן אביסל, בפרט אז זיי זענען קבוע אין זייער פלאץ, און זיי גייען נישט ארויס, דערפאר דארף מען האבן א פנים חדשות, איינער וואס קומט אריין צו זיי און ברענגט א פרישקייט צו די שמחה. אזוי אויך ביי אבילות, זיי זענען קבוע אין זייער פלאץ ביי די מקום האבלים, און ס'ווערט אביסל א התיישנות אין די נחמה, איז די מצוה אז ס'קומט אריין א פנים חדשות, דארטן ביי זיי אין זייער פלאץ.

די פשוטע טייטש פון 'פנים חדשות' מיינט פרישע מענטשן, פרישע פנים'ער, אבער אויך ליגט אין דעם א טיפערע נקודה, פנים חדשות איז ענדליך צו די ענין פון 'פנים חדשות באו לכאן', וואס באדייט א פרישע התחדשות, א פרישע אויסקוק אויפן די שמחת השבע ברכות, א שינוי צורה

ס'איז דא א מחלוקת, די רמב"ם האלט אז די ערשטע נאכט פון די חתונה, דארף מען שוין א פנים חדשות, ווייל די אלע וואס זענען געווען ביי די חופה, ביי די ברכות, די אלע קען מען שוין נישט רעכנען, און דאס איז אפילו ס'איז אין די זעלבע טאג ווי די חופה. אבער אונז פסק'נען אז מ'קען זיי נאך יא רעכנען, און אפילו אויב די חופה איז געווען בייטאג, און די סעודה איז ביינאכט, נאכאלץ קען מען זיי רעכנען פאר פנים חדשות. און ס'איז דא אין דעם כמה שיטות און ענינים, אבער אזוי סאך זעה מיר לפי די שלחן ערוך אז די ערשטע טאג איז גרינגער (יומא קמא שאני).

ווייל די ערשטע טאג איז דאך די עיקר פון די שמחה, ממילא האלט דאס אהן לענגער, די התחדשות פון די חופה ווערט נישט אזוי שנעל נתיישן, די חופה מיט די סעודת החתונה איז ווי איין גרויסע שמחה וואס איז נמשך ביז נאכן חתונה. אבער לויט די רמב"ם איז די ערשטע טאג גארנישט גרינגער, און גלייך ביים חתונה דארף מען שוין א התחדשות פון פנים חדשות.

די הייליגע רמ"א איז מקיל ביי שלש סעודות שבת צוזאמען מיט דברי תורה, אנדערע פירן זיך אז די עולם אין בית מדרש טאנצט נאך שלש סעודות לכבוד החתן אנשטאט זאגען דברי תורה. זעהן מיר פון דעם, אז די נקודה פון 'פנים חדשות' איז נישט אזוי ווייט די נייע פנים, דער עיקר איז די התחדשות אין די שמחה, און אויף יעדער אויפן וואס ס'איז באמת דא א התחדשות אין די שמחה, דאן דארף מען קענען מאכן שבע ברכות, אפילו ס'איז נישט דא דארטן קיין נייע פנים.

תורה האט א כח פון התחדשות, א נייע ענין, א נייע געדאנק,

ווי מ'זעט עס אינדערפרי, אז די וואס האבן נישט די תורה, זענען פאר'חלש'ט פאר עפעס נייעס, עפעס חדשות, א נייע צעטיל, א נייע עד וכו', אבער די וואס האבן די זכיה צו לערנען, איז די תורה זייער התחדשות, א פרישע ענין, א פרישע קלארקייט. אזוי אויך אז מ'זאגט דברי תורה ביי שלש סעודות ברענגט עס א התחדשות.

(אבער לכאורה קען מען זיך נישט נער'ן, ס'דארף באמת מאכן דעם עולם פרייליך, דוקא א רב וואס דרש'נט און ס'איז טאקע אינטערסאנט, כמובן. און ס'איז כדאי צו צוברענגען די ווערטער פונעם ב"ח אין די דאזיגע ענין, אז די דרשה פונעם רב פלעגט ברענגען פרישע מענטשן, און ער זאגט דארט אז זיי פלעגן געבן נאך שלש סעודות מתנות פארן חתן).

## א התחדשות אין אלעמען

ס'איז באקאנט די חקירה צו שבע ברכות מאכט מען לכבוד די 'פנים חדשות,' אדער דורעך דעם וואס ס'איז דא א 'פנים חדשות' ווערט שוין א התחדשות אין אלע נאספים, אין די ברכה מאכט מען לכבוד אלע נאספים. און די ביאור פון דעם איז, אז אזוי ווי ווען איינער וויל מחדש זיין עפעס אין 'הויז', קען ער מיט עפעס א קלייניגקייט דא דארטן, קען ער מאכן א פרישע פנים און א פרישע התחדשות, די גאנצע הויז באקומט א פרישע פנים. אזוי אויך 'פנים חדשות' ביי שבע ברכות, געט א פרישע פנים און התחדשות פאר אלע נאספים, קומט אויס אז איך מאך די ברכות פאר די 'שבע ברכות' לכבוד אלע נאספים, נישט נאר לכבוד די 'פנים חדשות' זעלבסט.

די טבע פון התחדשות, אז מ'באקומט א קליינע פרישקייט, ברענגט עס שוין א פרישקייט אין אלעם, א נייע שטריימל וועט געבן א התחדשות אויף די גאנצע מענטש, א נייע קוק אויף זיין גאנצע צורה, א דיימאנט וואס די לייגסט צו, צו א געוויסע זאך, וועט דאס אויפהייבן די איכות און די ערך פון די גאנצע זאך. די זעלבע איז צווישען מענטשן, אז ס'קומט אריין א געשמאקע מענטש אין צווישען א חבריא, הייבט ער אויף די איכות פון די גאנצע חבריא, ווייל זיין איכות צושפרייט זיך צווישען אלעמען. די זעלבע ביי פנים חדשות, איין פרישע פנים וואס קומט אריין צווישען אלע נאספים, הייבט אויף די איכות פון אלעמען, און זיי ווערן אלע ראוי צו בענטשן שבע ברכות.

און מ'קען צולייגען א רמז, מ'ווייסט דאך אז פנים איז מלשון 'פנימי', ווייל אויפן פנים פונעם מענטש קומט ארויס זיין פנימיות, זיין אינדערווייניגער חיים קומט ארויס אויפן פנים, אזוי אויך 'פנים חדשות' מיינט אז ער ברענגט ארויס א פרישע פנימיות, א פרישע חיות ביי אלע נאספים. ווייל אזוי ווי די פארשטייסט, אז ווען ס'קומט אריין א בדחן ברענגט ער ארויס די פרישקייט און די חיים פון יעדן איינעם, אזוי אויך א 'פנים חדשות' ברענגט ארויס א פרישע פנימיות ביי יעדן. און דאס איז אפילו ער קען נישט דעם עולם, ער קען זיך נאר מיט'ן חתן וכדומה, אבער די עצם זאך אז ס'איז אריינגעקומען א פרישער מענטש וואס איז מכבד דעם חתן, א פרישער וואס איז מכבד די מצב דא, די עצם זאך הייבט שוין אויף די גאנצע שטימונג, ס'הייבט אויף די געמיטער.

## התחדשות טעגליך

געוויסע ראשונים האלטן אז ס'גייט אויפן טאג, אויב די האסט א 'פנים חדשות' אין דעם טאג, דאן קענסטו א גאנצע טאג מאכן שבע ברכות אויף דעם סמך (תוס'). ס'קען זיין פשט, ווייל 'התחדשות' בכלל איז א 'טעגליכע זאך', ס'גייט אויפן טאג, ווי מ'זאגט ביים דאווענען 'המחדש בטובו בכל יום מעשה בראשית,' איז וועגען דעם איין נייע פנים אינעם טאג, קען קאלעקטן פאר א גאנצע טאג.

און ווי מ'זעט בחוש אז התחדשות גייט אויפן טאג, יעדער צופרי שטייט א מענטש אויף, ער דארף עפעס חדשות, ער דארף א פרישע התחדשות, ער דארף עפעס א 'שינוי' פון נעכטן, עפעס דיפערענט. און מיט רעכט, ווייל אויב איז היינט די זעלבע ווי נעכטן, איז מיט וואס איז עס א 'נייע טאג', ס'איז די זעלבע ווי נעכטן, כדי ער זאל קענען פילען אז ס'איז א נייע טאג, דארף ער יעדן טאג חדשות. און פארשטייט זיך אז די אמת'ע התחדשות איז די תורה הקדושה, די פרישע דף, די פרישע חק לישראל, א פרישע חידוש אין תורה, און אזוי ווייטער.

יעצט לעניננו דארף מען אויף יעדן טאג א פרישקייט און די שמחה, א פרישע פנים חדשות, און דאס קען זיין פשט פון די שיטה אז 'פנים חדשות' גייט אויפן טאג, אזוי ווי אלע ענינים פון 'התחדשות' גייט לפי דעם טאג.

> **אז ס'קומט אריין א געשמאקע מענטש אין צווישען א חבריא, הייבט ער אויף די איכות פון די גאנצע חבריא, ווייל זיין איכות צושפרייט זיך צווישען אלעמען. די זעלבע ביי פנים חדשות, איין פרישע פנים וואס קומט אריין צווישען אלע נאספים, הייבט אויף די איכות פון אלעמען, און זיי ווערן אלע ראוי צו בענטשן שבע ברכות**

די הלכה איז אז תפילת נדבה קען מען נאר דאווענען אויב מ'איז עפעס מחדש, ווייל סתם איבער דאווענען נאך אמאל ווערט נישט פאררעכנט ווי א נייע תפילה, ס'איז די זעלבע אלטע תפילה, אבער אויב ביסטו עפעס מחדש, דאן איז עס פריש, עס איז א נייע תפילה געווארן.

די זעלבע איז ביי שבע ברכות, אויב איז נישט דא קיין 'פנים חדשות', ביסטו גארנישט מחדש, עס איז פארעכנט ממש ווי די נעכטיגע שבע ברכות, עס איז נישט נאך א שבע ברכות, נו! איז אודאי קען מען נישט זאגען נאך אמאל שבע ברכות, האסט דאך שוין נעכטן געזאגט שבע ברכות ביי די נעכטיגע, און היינט איז דאך כאילו די זעלבע ווי די נעכטיגע. אבער טאמער האסטו יא א 'פנים חדשות', דאן ווערט עס פארעכנט ווי ס'איז א נייע שבע ברכות, און מען קען זאגען פריש שבע ברכות.

און מיט דעם דערהערט מען די טיפקייט פון 'המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית', ווען נישט די התחדשות, ווען נישט די שינוי, עפעס בעסער'ס אדער ערגער'ס ח"ו ווי נעכטן, דאן מיט וואס וואלט עס געווען א נייע טאג, ס'איז דאך די זעלבע ווי דאס נעכטיגע, איז וועגען דעם די אייבישטער מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית, ער איז עס מחדש, כדי ס'זאל ווערן א פרישע טאג. און די זעלבע איז מיט אלע טוישינגען אין 'זמן', ווי א פרישע וואך, א פרישע חודש, א פרישע יאר, די התחדשות און פרישקייט איז נאר ווייל די יעצטיגע זמן, איז אביסל אנדערשט ווי די נעכטיגע, נאר דורעך די התחדשות איז ער א פרישע זמן בכלל.

א אינטערסאנטע חידוש שטייט אין עבודת ישראל (סוכות) אז די טעג פון סוכות איז יעדן טאג ווי א **פנים חדשות**, און אויב מאכט מען שבע ברכות אין סוכות, דארף מען נישט שאפן א פנים חדשות. מ'קען עס גוט פארשטיין מיט דעם יסוד פון 'פנים חדשות באו לכאן', אז היות די טעג פון סוכות איז יעדן טאג א פרישע 'קרבן', א פרישע 'אושפיזין', א פרישע 'מקיף' יעדן טאג, ממילא ווערט עס פארעכנט פאר א 'שינוי גמור' אינעם זמן, גענוג א שטארקע שינוי צו קענען הייסן 'פנים חדשות באו לכאן', און אפילו אויף צו קענען זאגען 'שבע ברכות' פון פריש.

חלקים פון לאנד, 'ישיבת כרכים קשה', און די פרזים צושפרייטן זיך ארויס פון שטאט. (ענדליך ווי די 'סטעיט' און 'אפסטעיט' וכדומה). אויך 'כפרים' דערפער, איז פון די לשון 'צוברעקלט' ענדליך צו די ווארט 'פירור', ווייל דאז זענען די 'כפרים', די צוברעקלטקייט פונעם שטאט, די מענטשן וואס בלייבן נישט פארמאכט אינעם כרך, נאר זיי צוברעקלען און צושפרייטן זיך ארום ארום. (אנפאנג מסכת מגילה איז דא א סוגיא וועגן 'כפרים', אז זיי קענען ליינען די מגילה פריער, פאר י"ד און ט"ו. און אין גמרא אסאך פלעצער, זעט מען אז די פארקערטע פון א 'כרך' מוקף חומה, איז 'כפרים').

### ◆ מוקף בן יומו – פרוז בן יומו

די גמרא (מגילה דף יט ע"א) זאגט אז 'פרוז בן יומו קרוי פרוז, און מוקף בן יומו קרוי מוקף', אז אפילו מ'פלאנט צוריק צו גיין צו די אייגענע שטאט, נאכאלץ ליינט מען די מגילה דארט ווי די ביסט קבוע יענער טאג.

ס'איז אביסל אינטערסאנט פארוואס גייט מען אנדערשט ווי איבעראל, איבעראל אין די תורה ווייסט מען אז כל זמן וואס ס'איז 'דעתו לחזור', בלייבט מען מיט די דין פון די פלאץ פון ווי מ'קומט, למשל א 'בן חוץ לארץ' און א 'בן ארץ ישראל' כלפי יום טוב שני, איז אויב ס'איז דעתו לחזור האט מען די הלכה ווי די פלאץ פון ווי מ'קומט, איז אויב אזוי פארוואס ביי מגילה זאל זיין אנדערשט, פארוואס ביי מגילה זאל זיין גענוג די קביעות פון איין טאג.

איז פשטות איז דאס א לימוד פונעם פסוק, ווי די גמרא זאגט דארט אז דאס לערנט זיך פונעם פסוק 'היושבים בערי הפרזות', אבער לויט ווי ס'איז נתבאר געווארן די קשר פונעם מוקף צום פרוז, אז זיי זענען אנגעבינדען איינער מיט די אנדערע אין אלע ענינים, איז קען זיין אז ס'איז דא א פשוטע סברא צו די הלכה, ווייל דאס איז די דרך העולם אריינצוגיין פאר א טאג צום מוקף, אדער פארקערט, ענדליך צו וואס אונז האבן היינט, אז מ'פארט אריין אין שטאט ערלעדיגען וואס מ'דארף ערלעדיגען, און מ'איז זיך קובע דארטן פאר א טאג, אדער פארקערט, מ'פארט ארויס פון שטאט צום אומגעגענט פאר א טאג, וכדומה.

קומט אויס אז ס'איז זייער גוט, ווען מ'רעדט פון וואוינען, ווי למשל א 'בן ארץ ישראל' מיט א 'בן חוץ לארץ' כלפי יום טוב שני, דאן פעלט זיך אויס א קביעות אויף אייביג, און אויב ס'איז 'דעתו לחזור', דאן מיינט עס אז זיין עכטע אייביגע קביעות, זיין קביעות פון וואוינען, איז ביי זיין אלטע פלאץ. אבער ווען מ'רעדט פון 'פרוז און מוקף', דא פעלט זיך נישט אויס קיין אייביגע קביעות, דא איז גענוג א קביעות פון א טאג, ווי די 'דרך' איז, אז מענטשן פונעם 'מוקף' גייען אריין צום 'פרוז' פארן טאג, און מענטשן פונעם פרוז גייען אריין צום מוקף פאר א טאג.

און דאס איז אלץ נאר אויב ער גייט טאקע פאר א קביעות, ער גייט צום פרוז אדער צום מוקף פאר כאטשיג א טאג, אבער טאמער גייט מען פאר ווייניגער ווי א טאג, און נאך איידער די 'עלות' גייט מען שוין צוריק אהיים, דענסמאל האט מען יא די דין פון די אייגענע שטאט. און די טעם קען מען פארשטיין מיט א משל, אז צומאל פארט א מענטש אריין אין שטאט אריין, זיך קובע צו זיין פאר א טאג, אבער צומאל פארט מען אויף אן אינפוינטמען וכדומה, און מ'פארט גלייך צוריק, וואס דאס מיינט אז מ'איז זיך נישט קובע געווען אין שטאט.

יעצט די זעלבע זאך אין ביים נמשל, אויב נאך פאר די עלות השחר פארט מען שוין צוריק, איז פשט אז מ'האט זיך בכלל נישט קובע געווען אין שטאט, אפילו אויף צו ערלעדיגען זיינע זאכן אויך נישט, איז ממילא האט מען דער דין ווי די אייגענע שטאט ווי מ'באלאנגט.

### ◆ מוקף פרוז – עשירים עניים

די סדר איז אז די עשירים וואוינען געווענטלעך מער אין די מוקפים, אין די הויפט שטעט, און די פשוטערע מענטשן וואוינען מער אין די פרזים, און די שטעטלעך און דערפלעך ארום די שטאט, אזוי ווי ס'שטייט אין שלה"ק אויף די מאמר חז"ל אנפאנג מסכת מגילה (מובא לעיל) 'מפני שמספקין מים ומזון לאחיהם שבכרכים', אז די מענטשען ארום די שטאט זענען מער עובדי ה', זיי האבן נישט די רעש און געפילדער פון שטאט, און זיי האבן מער די מוח צו לערנען, און זיי זענען מספיק 'מים ומזון לאחיהם שבכרכים', זיי שטעלן צו תורה און עבודה פאר די יודען אין די כרכים (וכמובן דתלוי בכמה ענינים, דהיו כמה תקופות, האיך שדייקא האנשים שבכפרים לא היו תלמידי חכמים).

אויכעט ווייל די עשירים זענען צוגעוואוינט צו מעכטיגקייט און שטארקייט, ממילא דארפן זיי האבן די עיר מוקף חומה, וואס דאס געט די דאזיגע מעכטיגע פילינג, אבער די עניים פארשטייען נישט צו דעם, ממילא גייען זיי וואוינען ארום די שטאט. (משל למה הדבר דומה, ס'איז ידוע אז א מעכטיגע ביזנעס דארף האבן א לאקאציע אין מאנהעטן, ודי למבין).

און לויט ווי ס'איז ערקלערט געווארן דארפן ביידע אנקומען צו ביידע, די 'מוקפין' דארפן אנקומען צו די 'פרזים', פאר זייערע צרכים פון 'מים ומזון', און די 'פרזים' דארפן אנקומען צו די 'מוקפין' צו באשיצען אויף די גאנצע ארום ארום. וואס דאס מיינט און אנדערע ווערטער אז די עניים דארפן אנקומען צו די עשירים, און די עשירים דארפן אנקומען צו די עניים, די בעלי בתים דארפן אנקומען צו יושבי אהל, און די יושבי אהל דארפן אנקומען צו די בעלי בתים, און צוזאמען זענען זיי איין גרויסע הרמוניא פון א לאנד, זייענדיג צוזאמען איין גרויסע צוזאם לעבן פון כלל ישראל.

די גמרא זאגט (מגילה דף ד ע"ב) אז 'כרך שאין בו עשרה בטלנין אינו כרך', א שטאט וואס האט נישט קיין צען מענטשן וואס זענען זיך מבטל פאר תורה און תפילה און פאר צרכי הכלל, איז די שטאט קיין שטאט נישט, און אפילו ס'איז א מוקף חומה און מ'וואלט געדארפט ליינען אין ט"ו, אבער מ'גייט נישט ליינען ט"ו ווייל ס'האט נישט קיין עשרה בטלנים.

לויט די שלה"ק אז די בני תורה זענען מער פון די פרזים, קען מען זאגן פשט, אז דאס וואס די חז"ל זענען מזהיר, אז טאמער האט זיך די שטאט אויסגעליידיגט פון תלמידי חכמים, ס'האט נישט ניטמאמאל קיין צען יידען וואס זענען אינגאנצען אוועקגעגעבן פאר עבודת ה', דאן איז דאס קיין שטאט נישט, ווייל טאקע די כרכים האבן נישט אזוי סאך בני תורה, איז מען מזהיר אז כאטשיג צען מוז בלייבן.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424